# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ז - גליון רלז**

## ראש השנה

בענין
**קושייתו העצומה של ה'טורי אבן' אליבא דשיטת בית שמאי: מדוע לא גזרו שלא לתקוע בשופר גם בראש השנה שחל ביום חול? ותירוצם של גדולי האחרונים**

### גמרא מסכת ראש השנה

די משנה זאגט אין **מסכת ראש השנה** (כט, ב): **יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת, במקדש היו תוקעין, אבל לא במדינה** - פירוש: אויב ראש השנה געפאלט אין שבת, האט מען נאר געבלאזן שופר אין בית המקדש, אבער אינדרויסן פון בית המקדש האט מען נישט געבלאזן קיין שופר.

קומט די גמרא און פרעגט: **מנא הני מילי** - פון ווי לערנט מען ארויס אז ווען ראש השנה געפאלט אין שבת בלאזט מען נישט קיין שופר, און למסקנא שרייבט די גמרא: **אלא אמר רבא: מדאורייתא מישרא שרי** - מן התורה איז טאקע נישט דא קיין פראבלעם צו בלאזן שופר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, **ורבנן הוא דגזור ביה** - און די גאנצע איסור איז א איסור דרבנן, **כדרבה** - אזוי ווי רבה האט געזאגט דאמר רבה: **הכל חייבין בתקיעת שופר, ואין הכל בקיאין בתקיעת שופר, גזירה שמא יטלנו בידו וילך אצל הבקי ללמוד, ויעבירנו ארבע אמות ברשות הרבים** - פירוש: די רבנן האבן גוזר געווען אז מען זאל נישט בלאזן קיין שופר שבת, ווייל זיי האבן מורא געהאט אז איינער וואס איז נישט בקי בתקיעת שופר גייט ווילן בלאזן שופר, און ער גייט נישט וויסן ווי אזוי, גייט ער גיין מיט די שופר ארבע אמות ברשות הרבים, וואס איז אסור שבת, צו א בקי זאל אים אויסלערנען ווי אזוי מען בלאזט שופר.

### קושית הטורי אבן

די גרויסע גאון וחריף ורבן של ישראל **רבי אריה לייב גינצבורג זצוק"ל** אין זיין ספר **טורי אבן** (כאן) פרעגט זייער א שיינער שטארקע קשיא, וזה לשונו:

**ולבית שמאי דסבירא ליה בפרק קמא דביצה** (יב, א) **דאין מוציאין לא את הלולב ולא את הקטן ולא את ספר התורה לרשות הרבים, דלא אמרינן מתוך שהותרה הוצאה לצורך הותרה נמי שלא לצורך כדאמר התם, ואפילו הכי לא גזרו בחל ראש השנה... שלא לתקוע... משום הא גזירה גופיה דשמא יעביר ועבר על של תורה** - פירוש: די הלכה איז אז יעדער מלאכה וואס איז אסור צו טוהן שבת, איז אסור אויך צו טוהן יום טוב, חוץ אזעלכע מלאכות וואס זענען 'לצורך אוכל נפש', און וועגן דעם מען מען ארויסטראגן א דבר מאכל אדער א כלי בישול פון א רשות היחיד צו א רשות הרבים, און אזוי אויך מטלטל זיין די זאכן ד' אמות ברשות הרבים, אפילו די מלאכה פון הוצאה איז איינער פון די ל"ט מלאכות וואס איז אסור צו טוהן שבת.

און אין מסכת ביצה (יב, א) קריגן זיך בית שמאי און בית הלל, צו מען מעג מטלטל זיין אפילו זאכן וואס זענען נישט לצורך אוכל נפש [מתוך שהותרה לצורך אוכל נפש, הותרה נמי שלא לצורך], בית שמאי האלט אז עס איז נישט מותר, און די איסור פון הוצאה גייט אן אפילו אין יום טוב, און ווי ער זאגט אין די משנה: **בית שמאי אומרים: אין מוציאין לא את הקטן, ולא את הלולב, ולא את ספר תורה לרשות הרבים**. און בית הלל אז עס איז נישט דא די איסור, און ווי עס שטייט אין די משנה: **ובית הלל מתירין.**

קומט די טורי אבן און פרעגט, לפי שיטת בית שמאי אז די איסור פון הוצאה גייט אן יום טוב פונקט ווי עס גייט אן שבת, איז פארוואס האלטן זיי אז דוקא ווען ראש השנה געפאלט אין שבת האבן די רבנן גוזר געווען אז מען זאל נישט בלאזן קיין שופר, לכאורה וואלטן די רבנן געדארפט גוזר זיין אפילו ווען ראש השנה געפאלט נישט אין שבת, זאל אויך זיין אסור צו בלאזן שופר, מכח די זעלבע גזירה אז 'גזירה שמא יטלנו בידו וילך אצל הבקי

ללמוד, ויעבירנו ארבע אמות ברשות הרבים', וואס איז לפי בית שמאי אויך אסור אין יום טוב?

### תירוצו הראשון של הטורי אבן

די טורי אבן ענפערט אפאר תירוצים אויף די קשיא, און די ערשטע תירוץ שרייבט ער: **דאם כן בטלת מצות שופר... לגמרי והא לא אפשר, אבל אי גזרו בשבת לחוד אינו בטל מצותן לגמרי דהא אפשר לקיימן בשחלו בחול** - פירוש: די טורי אבן איז מחדש אז ווען די חכמים האבן גוזר געווען גזירות, האבן זיי נישט גוזר געווען אזעלכע גזירות וואס גייט 'אינגאצען' עוקר זיין די מצוה, און ביי אינזער פאל אויב וואלטן די חכמים גוזר געווען - לפי שיטת בית שמאי - אז סיי ווען ראש השנה געפאלט אין שבת און סיי אויב ראש השנה געפאלט אינדערוואכן אז מען טאר נישט בלאזן שופר, וואלטן זיי עוקר געווען אינגאנצען די מצוה פון תקיעת שופר, וועגן דעם אפילו לפי שיטת בית שמאי האבן די חכמים נאר גוזר געווען ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, און נישט ווען ראש השנה געפאלט אינדערוואכן.

און די טורי אבן איז ממשיך און ער שרייבט: **ואף על גב דבטלו חכמים למעשר בהמה לגמרי שלא בזמן הבית מפני התקלה כדאמרינן ריש פרק ט' דבכורות** (נג, א) - פירוש: די טורי אבן קומט און פרעגט אויף זיין חידוש וואס ער האט יעצט מחדש געווען, אז די חכמים האבן נישט גוזר געווען קיין גזירות אויב די גזירה גייט אין גאנצן עוקר זיין די מצוה, ווייל מען זעהט אין מסכת בכורות אז די חכמים האבן מבטל געווען די מצוה פון מעשר בהמה בזמן הזה משום תקלה, דהיינו, די חכמים האבן חושש געווען, אז וויבאלד בזמן הזה איז נישט דא קיין בית המקדש און עס איז נישט דא קיין מזבח ווי צו מקריב זיין די מעשר בהמה, און וועגן דעם דארף מען לאזן ווארטן די בהמה ביז עס באקומט א מום, און די חכמים האבן חושש געווען אז מען גייט זיך קומען משתמש זיין מיט די בהמה אפילו פאר עס באקומט א מום, וועגן דעם האבן זיי אינגאנצען עוקר געווען די מצוה פון מעשר בהמה. זעהט מען פון דעם אז די חכמים האבן געמאכט גזירות אפילו ווען מען איז אינגאנצען עוקר די מצוה?

ענטפערט די טורי אבן און ער איז מחלק: **מכל מקום לא נתבטל לגמרי לעולם, דלכשיבנה בית המקדש במהרה בימינו יחזור מצותו למקומו דהא תו ליכא למיחש לתקלה, אבל אי גזרינן ביום טוב משום שמא יעביר, אתה מבטל מצותן לגמרי לעולם, דהא בהא גזירה כל הזמנים שוין, ואי אפשר לעקור מצות תקיעת שופר לגמרי לעולם** - פירוש: די מצוה פון מעשר בהמה ווערט נישט גערעכנט ווי עס איז ווערט נעקר 'לגמרי מן העולם', וויבאלד ווען די בית המקדש גייט צוריק ווערן אויפגעבויעט במהרה בימינו, גייט צוריק קומען די מצוה פון מעשר בהמה, ווייל דעמאלטס גייט שוין נישט זיין די פראבלעם מיט תקלה וואס קען ארויס קומען, מה שאין כן ביי תקיעת שופר אויב איז מען גוזר אז אפילו יום טוב שחל בחול זאל מען נישט בלאזן שופר גזירה שמא יעברינו, גייט די מצוה פון תקיעת שופר אינגאנצען נעקר ווערן, ווייל די גזירה

האט דאך גארנישט מיט די בית הקדש, און אויף אזא פאל האבן די חכמים נישט גוזר געווען זייער גזירה.

### תירוצו השני של הטורי אבן

די טורי טבן ענטפערט דארט נאך א תירוץ, וזה לשונו: **אי נמי יש לומר יום טוב כיון דקיל דאינו אלא לאו בעלמא לא גזרו משום שמא יעביר, ולא דמי לשבת דחמיר דבסקילה** - פירוש: די טורי אבן ענטפערט, אז די גאנצע גזירה פון שמא יעברינו האבן די חכמים גוזר געווען נאר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, וויבאלד שבת איז 'חמיר', ווייל די ווען מען איז עובר אויף איינער פון די ל"ט מלאכות איז דא די עונש פון כרת וסקילה, מה שאין כן, ווען איינער איז עובר אויף איינער פון די ל"ט מלאכות יום טוב, איז עס נאר א איסור 'קל', ווייל ער איז נאר עובר אויף א לאו, און וועגן דעם האבן די חכמים נישט גוזר געווען פון שמא יעברנו ווען ראש השנה איז ביום חול.

### קושית המרחשת על הטורי אבן

די גרויסע גאון ושר התורה **רבי חנוך העניך אייגעש מווילנא זצ"ל** אין זיין לומד'ישע ספר **מרחשת** (חלק א, סימן יב, ענף ב, אות א) ברענגט אראפ די צווייטע תירוץ פון די טורי אבן, און ער פרעגט צוויי קשיות אויף דעם. קושיא א' - **והדוחק מבואר, דהא מצינו כמה גזירות שגזרו חכמים גם משום איסור לאו** - פירוש: די חילוק וואס די טורי אבן מאכט, אז שבת איז חמור וויבאלד די עונש אויף דעם איז כרת וסקילה, מה שאין כאן יום טוב וואס איז נאר א לאו, און ביי א לאו האבן די חכמים נישט גוזר געווען קיין גזירות, איז זייער שווער צו זאגן, וויבאלד מען טרעפט 'כמה גזירות', וואס די חכמים האבן גוזר געווען אפילו ביי א לאו אליינס. וכעין זה שרייבט אויך די **פרי מגדים** (סימן תקפח, משבצות זהב, סק"ה), ווי ער פרעגט די זעלבע קשיא ווי די טורי אבן אויף בית שמאי, און ער שרייבט דארט בקצרה כדרכו: **ודוחק לומר שבת כרת כו'**.

קושיא ב' - נאך א שיינער הפלא'דיגע קשיא פרעגט די מרחשת אויף די תירוץ פון די טורי אבן, וזה לשונו: **ועוד יותר שהרי רבותינו האחרונים ז"ל הקשו למאי צריך לטעמא דשמא יעבירנו וכו' בשופר תיפוק ליה משום גזירה שמא יתקן כלי שיר, ותירצו דמשום גזירה שמא יתקן כלי שיר לא גזרו בשופר, דאם כן לא יתקעו לעולם, דגם ביום טוב שייך שמא יתקן וכו', ונמצא שיעקרו עשה מן התורה, אבל גזירה שמא יעבירנו לא שייך אלא בשבת, יעוי' במג"א סי' תקפ"ח סק"ד. ולדברי השאגת אריה דמשום הכי ביום טוב לא גזרו משום דהוי לאו בעלמא, אם כן בשופר לא היו צריכים לחדש ולגזור משום שמא יעבירנו אלא משום שמא יתקן כלי שיר בשבת, משאין כן ביום טוב שאינו אלא לאו בעלמא לא גזרו** - פירוש: די **רמב"ם** (הלכות שופר פרק ב הלכה ו) ווי ער שרייבט די הלכה אז מען מעג נישט בלאזן שופר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, שרייבט ער אזוי: **יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת** - ווען ראש השנה

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

געפאלט אין שבת, אפילו מן התורה איז מען מחויב צו בלאזן שופר, אפילו אזוי האבן די חכמים גוזר געווען אז: **אין תוקעין בשופר בכל מקום**, און די רמב"ם איז ממשיך און שרייבט: **אף על פי שהתקיעה משום שבות ומן הדין היה שתוקעין יבא עשה של תורה וידחה שבות של דבריהם, ולמה אין תוקעין** - פירוש: לכאורה איז שווער, די גאנצע איסור פון בלאזן שופר איז דאך נאר א 'שבות', דהיינו עס איז דאך נאר א גזירה דרבנן פון **'שמא יבוא לתקן כלי שיר'**, און אויב אזוי וואלט דאך די הלכה געדארפט זיין אז 'יבא עשה' פון תקיעת שופר, און עס זאל דוחה זיין די 'שבות של דבריהם', און 'למה אין תוקעין'? איז די רמב"ם מבאר: **גזירה שמא יטלנו בידו ויוליכנו למי שיתקע לו ויעבירנו ארבע אמות ברשות הרבים, או מוציאו מרשות לרשות ויבא לידי איסור סקילה, שהכל חייבים בתקיעה ואין הכל בקיאין לתקוע** - פירוש: די חכמים האבן דא גוזר געווען אלץ די גזירה פון 'שמא יעבירנו', אז מען זאל נישט בלאזן קיין שופר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת.

קומט די **מגן אברהם** (שם, סק"ד) און ברענגט אראפ זייער א שטארקע קשיא וואס די מהר"ם פדוואה האט געפרעגט אויף די רמב"ם, וזה לשון המגן אברהם: **הקשה מהר"ם פדוואה בהגהותיו, דהא תקיעה שבות נמי גזירה שמא יתקן כל שיר, ואם כן נימא דאסור משום האי גזירה והעמידו דבריהם במקום עשה** - פירוש: לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין וואס די רמב"ם שרייבט. די רמב"ם הייבט אן אז לכאורה וואלט די מצות עשה פון תקיעת שופר געדארפט דוחה זיין די איסור שבות פון תקיעה, און די טעם פארוואס עס איז נישט דוחה איז וויבאלד עס איז דא א גזירה דרבנן פון 'שמא יעבירנו'. לכאורה אויב מען זאגט אז א גזירה דרבנן איז יא דוחה די מצות עשה פון תקיעת שופר, אויב אזוי וואלט די 'שבות' אליינס געדארפט זיין גענוג אז עס זאל דוחה זיין די מצוה פון תקיעת שופר, וויבאלד די 'שבות' איז דאך א אויך א 'גזירה דרבנן', דהיינו, די גזירה שמא יתקן כלי שיר, ומאי אולמיה האי גזירה מהאי גזירה?

ברענגט די מגן אברהם אראפ די תירוץ פון מהר"ם פדוואה, וזה לשונו: **ותירץ, דהאי גזירה לא גזרו בתקיעת שופר, דאם כן לא יתקעו לעולם, דגם ביום טוב שייך שמא יתקן, ונמצא שיעקרו מצות עשה מן התורה, אבל גזירה שמא יעבירנו לא שייך אלא בשבת ושפיר גזרו** - פירוש: די מהר"ם פדוואה ענטפערט, אז די חכמים האבן נישט גענוצט די גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר' כדי צו זאגן אז מען מעג נישט בלאזן שופר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, וויבאלד, די גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר', איז דאך א גזירה וואס איז אויף דא יום טוב, דהיינו יום טוב מעג מען אויך נישט בלאזן מיט קיין כל שיר, גזירה שמא יתקן כלי שיר, און אויב וואלט מען גע'אסר'ט תקיעת שופר בראש השנה שחל בשבת מכח די גזירה שמא יתקן כלי שיר, וואלטן זיי אויך געדארפט אסר'ן צו בלאזן שופר בראש השנה שחל בחול, און אויב אזוי וואלט אויסגעקומען אז די חכמים וואלט עוקר געווען לגמרי די מצוה פון תקיעת שופר, און וועגן דעם האבן די חכמים נישט גוזר געווען די גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר' ביי שופר, און וועגן דעם מעג מען בלאזן שופר ווערן ראש השנה שחל בחול.

און די גאנצע גזירה וואס זיי האבן גוזר געווען איז די צווייטע גזירה פון 'שמא יעבירנו', וואס די גזירה גייט אן נאר 'שבת', און אזוי קומט אויס אז זיי האבן נישט עוקר געווען לגמרי די מצוה פון תקיעת שופר. עד כאן דברי המגן אברהם בשם המהר"ם פדוואה.

קומט די מרחשת און פרעגט הפלא'דיג אויף די טורי אבן. לפי די טורי אבן וואס האט מחדש געווען, אז די חכמים האבן נאר גוזר געווען 'שבת' וויבאלד שבת האט די עונש פון כרת וסקילה, מה שאין כן 'יום טוב' וואס איז נאר אסור מכח א לאו, דארט האבן די חכמים נישט גוזר געווען, ווערט צוריק שווער די קשיא פון די מהר"ם פדוואה, ווייל בעצם קען מען זאגן אז די טעם פארוואס מען בלאזט נישט קיין שופר בראש השנה שחל בשבת, איז מכח די גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר', און אפילו אזוי וואלט נישט נעקר געווארן די מצוה פון תקיעת שופר לגמרי, וויבאלד ווען ראש השנה געפאלט ביום חול, וואלטן די חכמים נישט גוזר געווען די גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר', ווייל יום טוב איז דאך נאר א 'לאו', און די חכמים האבן נישט גוזר געווען קיין גזירות ביי איסור לאו! [און די מרחשת בלייבט מיט א קשיא אויף די טורי אבן, און בהמשך ענטפערט ער א אנדערע תירוץ אויף די קשיא פון די טורי אבן, מובא להלן בשם הברוך טעם, עיין לקמן].

### תירוצו של הפרי מגדים

די **פרי מגדים** (סימן תקפח, משבצות זהב, סק"ה) ענטפערט אויף די קשיא פון די טורי אבן [נאך א דין ודברים מיט אפאר מהלכים וואס ער שרייבט בדרך אפשר און ער וועגט עס אפ], בקיצור רב, וזה לשונו: **יש אומרים מן התורה תקיעת שופר בשבת לא, כתוב אחד אומר**. עכ"ל. - פירוש: בתחילת הסוגיא אין מסכת ראש השנה, ווי די משנה שרייבט אז ראש השנה שחל בשבת, בלאזט מען נישט קיין שופר, פרעגט די גמרא: **מנא הני מילי?** און די גמרא ברענגט א לימוד: **אמר רבי לוי בר לחמא אמר רבי חמא בר חנינא: כתוב אחד אומר** (ויקרא כג, כד) **שַׁבָּתוֹן זִכְרוֹן תְּרוּעָה, וכתוב אחד אומר** (במדבר כט, א) **יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם** - און לכאורה זענען די צוויי פסוקים זיך סותר, ווייל אין די ערשטע פסוק איז משמע אז ראש השנה בלאזט מען נישט קיין שופר, נאר מען דארף מאכן א 'זכרון תרועה', דהיינו דערמאנען פסוקים וואס עס שטייט דארט לשונות פון תרועה, און פון די צווייטע פסוק איז משמע, אז מען דארף ממש בלאזן שופר, קומט רבי חמא בר חנינא און פארענטפערט די ביידע פסוקים: **לא קשיא; כאן** - די ערשטע פסוק, ווי עס שטייט אז מען בלאזט נישט קיין שופר: **ביום טוב שחל להיות בשבת** - רעדט מען פון ראש השנה שחל בשבת, **כאן** - אין די צווייטע פסוק ווי עס שטייט אז מען בלאזט יא שופר, רעדט זיך: **ביום טוב שחל להיות בחול** - ווען ראש השנה שחל בחול.

און רבא קומט דארט און פרעגט צוויי קשיות אויף די לימוד (עיי"ש) און וועגן דעם קומט רבא אין שרייבט אז די טעם איז אלץ גזירה פון 'שמא יעבירנו'.

אין ירושלמי אבער, ברענגט די גמרא דארט אראפ די לימוד פון רבי חמא בר חנינא, בשם א אמורא מיט די נאמען 'כהנא', און די גמרא בלייבט דארט מיט די טעם, און די ירושלמי ברענגט נישט די טעם פון 'שמא יעבירנו', קומט אויס אז די ירושלמי האלט למעשה אז די טעם פארוואס מען בלאזט נישט שופר שבת איז נישט א גזירה דרבנן פון שמא יעבירנו, נאר די טעם איז א 'דין דאורייתא', וואס מען לערנט ארויס פון די פסוקים, און אויב אזוי, וועט מען זאגן אז בית שמאי גייט האלטן אזוי ווי עס איז מבואר אין ירושלמי, אז די טעם פארוואס מען בלאזט נישט שופר ראש השנה שחל בשבת, איז א דאורייתא'דיגע דין, און וועגן דעם איז די הלכה אז ראש השנה שחל בחול בלאזט מען יא, ווייל 'כאן - ביום טוב שחל להיות בשבת, כאן - ביום טוב שחל להיות בחול'. (ליישוב שיטת הירושלמי עם שיטת הבבלי, עי' בספה"ק שם משמואל, ראש השנה, שנת תרע"ב).

### תירוצו של הברוך טעם

די גרויסע גאון און רבן שכל בני הגולה **רבי ברוך תאומים פרענקל זצוק"ל** אין זיינע הגהות אויפן טורי אבן, שרייבט שיינער תירוץ אויף די קשיא, וזה לשונו: **בספר בינה לעתים** (פרק א' דהלכות יום טוב) **רוצה לחדש, דאף אי עירוב והוצאה ליוה"כ, מכל מקום אין מדאורייתא איסור מעביר ד' אמות ביוה"כ, דמעביר בשבת אינו אלא הלכה למשה מסיני, ואין למדין מהלכה. ובתוספות מסכת ביצה** (יח, א ד"ה שמא) **ולחד תירוצא במסכת סוכה** (מג, א ד"ה ויעבירנו) **דליכא למיגזר על הוצאה מרשות היחיד לרשות הרבים דאית להו היכרא, אם כן יש ליישב קושית המחבר לבית שמאי.**

פירוש: די ברוך טעם פארענפערט די קשיא בהקדם מיט צוויי הקדמות.

די ערשטע הקדמה ברענגט ער א הפלא'דיגע חידוש פון די גרויסע **רבי ר' יהונתן אייבישיץ זצ"ל** וואס שרייבט אין זיין ספר **בינה לעתים** (על הלכות יום טוב, פרק א, הלכה ד), וזה לשונו: **והנה יש לי מקום ספק, מעביר ד' אמות ברשות הרבים אם הוא איסור דאורייתא ביום טוב, הואיל וילפינן למלאכת יום טוב מבנין אב משבת, דכל המלאכות האסורות בשבת ממילא הם אסורות ביום טוב, ואם כן לפי מה דקיימא לן, מעביר ד' אמות ברשות הרבים היכלתא גמירא לה דהלכה למשה מסיני, וקיימא לן גם דכל י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן אין למדין מהלכה, ואם כן אין למדין יום טוב משבת לענין מעביר ד' אמות ברשות הרבים כיון דבשבת גופא אינו רק הלכה למשה מסיני.**

פירוש: די איסור פון 'הוצאה' האט אין זיך צוויי איסורים, איין איסור איז 'הוצאה', דהיינו ארויס טראגען פון א רשות היחיד צו א רשות הרבים, אדער אריין ברענגען פון א רשות הרבים צו א רשות היחיד, און די צווייטע איסור איז 'מעביר ד' אמות ברשות הרבים', דהיינו מטלטל זיין א חפץ ד' אמות אין א רשות הרבים, קומט די גרויסע רבי ר' יהונתן, און וויל מחדש זיין אז אפילו מען גייט האלטן אז די איסור פון 'הוצאה' גייט אן אין יום טוב, אפילו אזוי גייט די איסור פון 'מעביר' נישט זיין אין יום טוב, און די הסבר איז, ווייל די גאנצע מקור אז יום טוב טאר מען נישט טוהן איינער פון די ל"ט מלאכות לערנט מען ארויס פון א 'בנין אב' פון שבת, און מען זאגט פונקט ווי שבת איז אסור די ל"ט מלאכות, אזוי אויך איז אסור יום טוב צו טוהן די ל"ט מלאכות.

די איסור פון 'מעביר ד' אמות ברשות הרבים', שטייט נישט בפירוש אין די תורה, נאר דעס איז א הלכה למשה מסיני (שבת צו, ב).

די כלל איז אז **'אין למדין מהלכה'**, און אויב אזוי קומט אויס אז אפילו מען האט א 'בנין אב' פון יום טוב צו שבת, און מען אסר'ט אלע ל"ט מלאכות יום טוב, אבער דעס איז דוקא מלאכות וואס מען לערנט ארויס פון די פסוק, און אויב אזוי גייט אויסקומען, אז דוקא ביי די מלאכה פון הוצאה, גייט נאר די איסור פון 'הוצאה מרשות לרשות' זיין אסור יום טוב, אבער די מלאכה פון 'מעביר ד' אמות ברשות הרבים', גייט נישט זיין אסור, ווייל די מקור איז דאך א 'הלכה למשה מסיני', און די כלל איז דאך אז 'אין למידין מההלכה'.

די צווייטע הקדמה, איז א **תוספות** אין **מסכת ביצה** (יח, א ד"ה שמא יעבירנו) ווי תוספות פרעגט: **תימה, אמאי לא קאמר שמא יוציאנו מרשות היחיד לרשות הרבים** - פירוש: תוספות פרעגט, פארוואס זאגט די גמרא אז די גזירה איז אז 'שמא יעבירנו', לכאורה וואלט די גמרא געדארפט זאגן אז די גזירה איז אז מען גייט עובר זיין אויף 'הוצאה מרשות לרשות', דהיינו מען האט מורא אז די מענטש גייט זיין ביי זיך אינדערהיים, און ער גייט ארויס טראגן די שופר פון זיין הויז - רשות היחיד, צו גיין צו א בקי, און ער גייט עס אריינטראגן אין א רשות הרבים?

ענטפערט תוספות: **וי"ל, שיש הכירא בפתח ובגיפופי החצר** - פירוש: די חכמים האבן נישט מורא געהאט אז די מענטש גייט זיך טועה זיין און עובר זיין אויף די איסור פון 'הוצאה מרשות לרשות', וויבאלד די פתח הבית איז א היכר און עס גייט אים דערמאנען אז מען טאר נישט ארויס טראגן מרשות היחיד לרשות הרבים, מה שאין כן 'העברת ד' אמות ברשות הרבים', ווי דארט איז נישט דא קיין היכר, האבן די חכמים מורא געהאט אז ער גייט פארגעסן אין מעביר זיין ד' אמות ברשות הרבים. (וכן תירץ תוספות כאן בראש השנה, ובמסכת מגילה ד, ב ד"ה ויעבירנה; ובמסכת סוכה מג, ד"ה ויעבירנו).

לפי דיביידע הקדמות ענטפערט די ברוך טעם זייער שיין. בית שמאי האט נישט גוזר געווען בראש השנה שחל בחול די גזירה פון 'שמא יעבירנו', ווייל די איסור פון הוצאת מרשות לרשות, האבן די חכמים נישט גוזר געווען, ווייל עס איז דאך דא א היכר, און די איסור פון מעביר זיין ד' אמות ברשות הרבים, איז דאך נישט דא יום טוב אזוי ווי די רבי ר' יהונתן האט שוין מחדש געווען, און וועגן דעם וועט בית שמאי האלטן אז נאר ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, גייט מען נישט מעגן בלאזן שופר מכח די גזירה פון 'שמא יעבירנו'. מתוק מדבש!

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com